Historical Jewish Press (JPress) of the NLI & TAU

נטייה, 11.09.1932, page 5

אַ גרויסע דין-תורה אין דרוסקעניקער וואַלד

דער העפטיגער סכסוך צווישען צוויי קהלות. — דער חרם פון אַלטיטשקען דרוסקעניקער רב אויף דער גראָדנער קהלה. — דער רב רופט צו הילף אַ טויטען. — די דין-תורה בײם ברעג פון ניעמען. — ענדליך וועט גראָדנאָ בעקומען איהר געלד און דרוסקעניק וועט האָבען אַ סאַנאַטאָריום

די גרויסע אסיפה אין דרוזגעניקער וואַלד

(לינקס מיט'ן שטערנדעל — ר' חיים עוזר גראָדזענסקי)



די פאָטאָגראַפיע אויפגענאָמען דורך י. ז ב ו נ ס ק י

איג'ס אומגעוויינליך-לאַנגע דרוסקעניקער וואַלד איז די טעג פאָרגעקומען אַ העכסט-אינטערעסאַנטע גרויסע דין-תורה צווישען צוויי אידישע קהלות. עס איז געווען אַ וואונדערבאַר בילד: אין טיפען וואַלד, האַרט בײם ברעג פון ניעמאַן, זענען ביי צוויי גרויסע טישען געזעסען אַ רייה פון די אָנגעזעהענסטע רבנים, אונטער'ן פאָרזיץ פון הרב ר' חיים עוזר גראָדזענסקי, און בעהאַנדעלט דעם אַלטען סכסוך צווישען די קהלות פון גראָדנאָ און דרוסקעניק.

אין דרוסקעניק איז געמליך געווען אַנ-אַלט שפּיטאָל, וואָס האָט היטער זיך אַ רייכע פערגאַנגענהייט. בעת דער וועלט-מלחמה איז דאָס שפּיטאָל אָבגעברענט געוואָרען פון די באָמבעס און גראַנאַטען, וואָס זענען געפאַלען איבער'ן שטעדטעל. ווען די קהלה אין דרוסקעניק האָט שפּעטער געוואָלט צוריק אויפבויען דאָס שפּיטאָל, האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז דאָס שפּיטאָל, וואָס איז געשטאַנען אין סאַמע מיטען שטאָדט אין דרוסקעניק, איז גאָר דאָס אייגענטום פון דער גראָדנער קהלה. און היות די פינאַנצען פון דער גראָדנער קהלה זענען געווען אויף צרות און דאָס אידישע שפּיטאָל אין גראָדנאָ האָט זיך געבאָדען אין חובות, האָט די גראָדנער קהלה געפונען אַלס איינציגע רעטונג פון דער הײזיגער לאַגע — צו פערקויפען דעם פּלאַץ מיט די חורבות פון דרוסקעניקער שפּיטאָל און פאַר דעם געלד אָבצוצאָהלען די חובות פון גראָדנער קהלה.

געטראַכט און בעשלאָסען. די גראָדנער קהלה האָט גענומען זוכען קונים און עס האָבען זיך באַלד געפונען צוויי גוטע בעלנים. די קראַנקען-קאַסע האָט געוואָלט אויף דעם אָרט אויפבויען אַ סאַנאַטאָריום און אַ אידישער אונטערנעהמער האָט געוואָלט אויף דעם פּלאַץ אויפשטעלען אַ גרויסען לוקסוס-האָטעל פאַר רייכע געסט.

אין דרוסקעניק איז געוואָרען אַ גרויסע מהומה. די בעלי-בתים האָבען זיך געקאָכט. אַמייסטען אָבער האָט דאָס אויפגערודערט דעם אַלטיטשקען רב פון דרוסקעניק. אַזאַ מעשה נורא: גראָדנאָ וועט פערקויפען דאָס אידישע שפּיטאָל פון דרוסקעניק, וואָס דרוסקעניקער איינוואוינער האָבען מיט 100 יאָהר צוריק געשאָנקען דער דרוסקעניקער קהלה, מען וועט דאָס בשום אופן נישט דערלאָזען! איי, וואָס אין די היפּאָטעק-ביכער איז דאָס שפּיטאָל פערשריבען אַלס אייגענטום פון דער גראָדנער קהלה? הערויף האָבען די דרוסקעניקער בעלי-בתים מיט'ן רב בראש געטענה'ט, אַז דאָס איז אַנ-אַלטע פיקציע צוליעב דער אידישער רעכטלאָזיגקייט אין די צאַרישע צייטען. אין יענע צייטען האָבען אידען נישט געטאָרט האָבען קיין נחלאות אין דרוסקעניק, וואָס איז געווען אַ דאָרף. דעריבער האָט מען דעם אַקט געמוזט מאַכען אויפ'ן נאָמען פון גראָדנער קהלה. די דרוסקעניקער בעלי-בתים האָבען זיך דערביי געשטיצט אויף אַרכיוו-דאָקומענטען, וואָס בעווייזען, אַז באמת איז דאָס שפּיטאָל אין דרוסקעניק דאָס אייגענטום פון דער דרוסקעניקער קהלה.

גראָדנער קהלה האָט זיך אָבער נישט גערעכענט מיט די אַלע טענות און האָט ווייטער אונטערהאַנדעלט וועגען פערקויף. דעמאָלט האָט דער אַלטיטשקער דרוסקעניקער רב אין אַ געוויסען טאָג צונויפגערופען די דרוסקעניקער אידען אין שוהל אַריין, מען האָט אָנגעצונדען שוואַרצע ליכט און דער רב האָט אויסגערופען אַ חרם אויף די, וואָס וועלען פערקויפען אָדער קויפען דעם פּלאַץ פונ'ם שפּיטאָל.

נאָכהער איז דער רב אַוועק קיין גראָדנאָ אין פרומקינ'ס שוהל, און ביי ברענענדיגע ליכט און בײם אָפענעם אָרון-קודש האָט ער אויפגערופען דעם פערשטאָרבענעם פרומקין, וועלכער האָט מיט 30 יאָהר צוריק אויפסניי איבערגעבויט דאָס שפּיטאָל, אַז ער זאָל אין הימעל נישט דערלאָזען צו דער עוולה, און דאָ, אויף דער ערד, וועט ער, דער רב, עס נישט דערלאָזען. גלייכצייטיג האָט דער רב אויך דאָ איבערגעחזר'ט דעם חרם.

דער אַלטיטשקער רב האָט דערפאַר געהאַט אויסצושטעהן אַ שווערען פאָרוואורף פון גראָדנער סטאַראָסטאַ. אָבער חרם איז געבליבען חרם. די קראַנקען-קאַסע האָט מעהר נישט געוואָלט רעדען וועגען קויפען דעם פּלאַץ און דער האָטעל-אונטערנעהמער האָט שוין פאַר קיין שום געלד אין דער וועלט נישט געוואָלט הערען פון דעם מסחר.

די גראָדנער קהלה איז דאַן געוואָרען ווייכער און לסוף האָט מען זיך פערלאָזט אויף אַ דין-תורה בײם הרב ר' חיים עוזר גראָדזענסקי פון ווילנאָ. און טאַקי אַ דאַנק די בעמיהונגען פון הרב גראָדזענסקי איז געקומען צו אַ שלום צווישען דרוסקעניק מיט גראָדנאָ. די דין-תורה איז פאָרגעקומען אין אַ הייסען טאָג, האָט מען דעריבער אַוועקגעפיהרט 2 לאַנגע טישען אין וואַלד אַריין, נעבען ברעג פון ניעמאַן. נאָך צוועלף שעה פון העפטיגע טענות, האָט דאָס בית-דין אַרויסגעטראָגן פאָלגענדען פסק-דין:

דער פּלאַץ מיט די חורבות דאַרפען אָבגעשאַצט ווערען און די דרוסקעניקער בעלי-בתים זאָלען בעצאָהלען דער גראָדנער קהלה 60 פּראָצענט פונ'ם ווערט.

ביידע צדדים זענען סוף-כל-סוף געבליבען צופריעדען. דער אַלטיטשקער רב פון דרוסקעניק האָט זיך צעקושט מיט די גראָדנער פּני און ער האָט פייערליך אַראָבגענומען דעם חרם.

אין אָוונד איז פאָרגעקומען אַ גרויס-אַרטיגער באַנקעט און דער אַלטער רב האָט זיך געהאַלטען אין איין קושען און איבערבעטען מיט די פאָרשטעהער פון דער גראָדנער קהלה.

באַלד נאָך דער דין-תורה איז אין דרוסקעניקער וואַלד אויסגעוועהלט געוואָרען אַ קאָמיטעט פון 4 שטעדט, וועלכער האָט די אויפגאַבע אויפצוזאַמלען די נויטיגע געלד, וואָס עס איז נויטיג אויף אָבצוצאָהלען דעם חוב דער גראָדנער קהלה און אויפצובויען דאָס אידישע סאַנאַטאָריום אין דרוסקעניק.

אין קאָמיטעט זענען אַריין פאָלגענדע עסקנים: פון ווילנאָ — הרב ר' חיים עוזר גראָדזינסקי, ד"ר ווינאָגראָדסקי, דער באַנקיר ע. שעסקין; פון וואַרשאַ: הרב שלמה דוד כהנא, ביידע ברידער בלאָם; פון גראָדנאָ: הרב רובינזאָהן, הרב געלבאַרט, פּרעזעס פון דער קהלה-פערוואַלטונג טראָפּ-קרינסקי, וויצע-פּרעזעס פון אידישען שפּיטאָל חיים בראַנערווין, ד"ר ברייזמאַן און ברוך רובינזאָהן; פון ביאַליסטאָק: הרב דוד פּאַיאַנס, ראַבינער ד"ר ראָזענמאַן, יחזקאל בעקער, פּרעזעס פון דער קהלה-פערוואַלטונג ראָזענבלאַט און פּרעזעס פון קהלה-ראַט כהנא; פון דרוסקעניק: מ. פרענקעל, מאַיעווסקי, מישטשאַווסקי און גינזבורג, פּרעזעס פון דער קהלה.

דער קאָמיטעט איז גלייך צוגעטראָטען צו דער זאַמלונג און וועט זיך בעמיהען אין דער שנעלסטער צייט אויפצובויען אויף דעם פּלאַץ אין דרוסקעניק אַ פּראַכטפולען סאַנאַטאָריום פאַר נויטליידענדע קראַנקע און שוואַכע פון אַלע שטעדט, וואָס קומען קיין דרוסקעניק אויף קוראַציע.

דער סענאַטאָר אַבראַמאָוויטש, דער דירעקטאָר פון דער דרוסקעניקער קור-פערוואַלטונג, האָט פערשפּראָכען אַ גרויסע מיטהילף בײם אויפבויען דאָס סאַנאַטאָריום.

וו.—ז.